# אַ פּאָר קינדערלידער

יואל-משה מאַטווייעוו אייר תשס״ב (2002)

## פּיקהאָלץ

עס האָבן שלומהלע מיט רייזעלע
אַ מאָדנע פֿייגעלע דערזען:
דער קאָפּ איז רויט, אַ גרוילעך נעזעלע
און גרויס אַכט אינטשעס אָדער צען.

טאַטע נעמט דאָס פֿייגל-ביכל,
גיט ער דאָרט אַ קוק אַרײַן.
קומט די מאַמע אין איר טיכל,
טראַכט פֿאַרטיפֿט: וואָס קען דאָס זײַן?

דאָ טוט דער ייִנגל אַ כאַפּ יענעם בוך,
בלעטערט אַ רגע און שמייכלט מיט שטאָלץ:
טאַטע, ווי הייסט ער אויף ייִדיש? ווער? אוך!
דאָס איז, מײַן זון, זאָלסטו וויסן, - פּיקהאָלץ.

## שפּערל

שפּערל, שפּערלינג, וואָראָביי,
יעדער האָט אַ נאָמען-צוויי.
מיר איז גלײַך, נאָר סײַ-ווי-סײַ,
דאַרפֿסטו טאַקע אַלע דרײַ?

- בײַ די אינגאַרישע לײַט,
(די וואָס פֿרעגן: ״איר פֿאַרשטײַט?״)
אויב זיי קענען מיך, טאָ קלאָר
שפּערל, שפּערלינג הייס איך נאָר.

די וואָס זאָגן ״איך פֿאַרשטיי״
רופֿן מיך אַ וואָראָביי.
מיר אַליין, ווי ס׳איז באַקאַנט,
רעדן וועדליק היימיש לאַנד:

מײַן מחותּן פֿון פּאָלטאַווע
צוויטשערט איקענדיק, טשיקאַווע,
און מײַן באָבע (פֿון סמאָרגאָן)
לאַכט פֿון אים — וואָס קען מען טאָן?